# זקניך ויאמרו לך

ת״ת תורה ויראה דרבינו יואל ד׳סאטמאר • בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א • פה ק״ק קרית יואל יצ״ו

בעזהשי״ת | גליון צא – עש״ק כי תצא תשס״ט לפ״ק | כיתה ח׳ ט׳

תתצח) עס דערציילט אונזער עלטער באבע תחי׳ אשת

## הרה״ח ר׳ מנחם זאב פריעדמאן ע״ה

איר טאטע הרה״ח ר׳ מרדכי פריעד ע״ה פלעגט פארן צום הייליגן שינאווער רב זי״ע.

איינמאל איז דארט געווען א גרויסער געדרענג, ער האט נישט געהאט קיין פלאץ זיך צו רירן איז ער אונטערגעקראכן אונטערן טיש, און ער האט זיך גערוקט ביזן אויבנאן, און ער האט בטעות צוגערירט צו די זאקן פונעם הייליגן שינאווער רב. ער האט זיך געוואלט גיין וואשן די הענט, אבער ער האט נישט געקענט ארויסגיין צוליב דעם געדרענג האט ער געהאט דערפון גרויס עגמת נפש.

ווען דער **שינאווער רב** זי״ע האט אנגעהויבן צו זאגן תורה, האט ער געזאגט ׳מ׳קען הערן די תורה אפילו ווען מ׳רירט צו די זאקן׳. דער עולם האט נישט פארשטאנען דעם באדייט פון די ווערטער, אבער דער זיידע אונטערן טיש האט פארשטאנען דעם באדייט פון די ווערטער. (אהרן ברוך פריעדמאן, יואל פריעדמאן, ישעי׳ לעבאוויטש, אהרן ברוך קאהן, יששכר בער קאהן)

תתצט) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה״ח ר׳ אשר לעמיל לאנדא ע״ה

מיין פאטער הרה״ח ר׳ זאב וואלף לאנדא ע״ה איז בשעת די מלחמה געווען אין ווינער ניישטאט, מיר זענען דארט געווען צוזאמען מיט די משפחות און מיט די קליינע קינדער, וואס אזוינס איז נישט געווען אין קיין שום לאגער פון די אייראפאישע מדינות וואס איז געווען אונטער דייטשע אקופאציע.

אין דעם לאגער זענען געווען צוויי טראנספארטן פון דעברעצין און צוויי טראנספארטן פון מאקאווע דער באן איז שוין געווען אויפן וועג קיין אוישוויץ, אינמיטן וועג האט זי זיך אפגעשטעלט אויף צוויי שעה, און פון הימל איז געווען באשערט פאר די אידן צו בלייבן ביים לעבן האט זי זיך אויסגעדרייט און צוריק געפארן קיין עסטרייך צום ווינער ניישטאט.

זיי האבן דארט געארבעט פאר די דייטשע רשעים, אבער אונטער בעסערע באדינגונגען, ווייל די רשעים האבן דוקא באשטימט דעם לאגער צו קענען ווייזן פאר די וועלט אז זיי האלטן זייער שיין די אידן. א דריי פערטל יאר האבן זיי דארט געארבעט פון אינמיטן זומער תש״ד ביזן דריטן טאג חול המועד פסח תש״ה לפ״ק ווען זיי זענען בחסדי׳ ה׳ באפרייט געווארן.

עסטרייך איז איינגענומען געווארן דורך די רוסן און די אמעריקאנער, אסאך אידן וואס האבן מורא געהאט פון די רוסישע קאמוניסטן זענען אנטלאפן קיין דייטשלאנד, אבער דער טאטע ז״ל איז צוריק געקומען קיין דעברעצין. דארט איז איים געבוירן געווארן דאס זעקסטע קינד.

אין יענע צייט האט יעדער געזוכט צו אנטלויפן און מ׳האט געשווערצט די גרעניץ, דער זיידע האט מורא געהאט איינצושטעלן, האט מען איהם מייעץ געווען אז ער זאל מכבד זיין מיט קוואטערשאפט איינעם פון די הויפט קאמוניסטן, מזרע ישראל נעבעך, מ׳האט אים גערופן ׳פעיטער גאבא׳, ער איז געווען פון ראצפערט.

ווען דער זיידע האט דאס געטון האט אים דער פארשוין געזאגט ״עס טוט מיר זייער לייד אז איך וועל נישט קענען זיין ביים ברית, אבער בעט עפעס פון מיר און איך וועל דיר דאס צוליב טון״. האט ער דאן געבעטן וויזעס פאר די גאנצע משפחה, עטליכע חדשים האט גענומען ביז ווען דער פארלאנג איז זיי נאכגעגעבן געווארן, און זיי האבן זיך ארויסבאקומען פון אונגארן קיין עסטרייך וואו זיי האבן געוואוינט די פאלגענדע פיר יאר. (חנני׳ יו״ט ליפא לאנדא)

תתק) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער

## הרה״ח ר׳ אברהם שלום מענדלאוויטש הי״ו מאנסי

איך האב ב״ה זוכה געווען צו האבן לאנגע יארן א שטארקע קרבות ביי כ״ק מרן רבינו הגה״ק בעל ברך משה זי״ע. וואס איז נאך געווען א ירושה מאבותי הרה״ח ר׳ ישעי׳ אשר ז״ל בעמח״ס יאושר בארץ, וועלכער איז געווען אדוק ומקושר אינעם רבי״ן עד אין לשער.

עס איז געווען מיט יארן צוריק איינמאל א טאג פאר ערב פסח, ווען איך בין ארייגעפארן קיין וויליאמסבורג צו די יארצייט סעודה פון מיין טאטן ע״ה, האב איך אנגעהויבן צו שפירן שרעקליכע יסורים אויף די נירן-שטיינער, איך האב באלד געמוזט אריינגיין אין שפיטאל ווי איך האב געהאט מורא׳דיגע יסורים. עס איז געווען זיכער אז איך וועל מוזן פארבלייבן אין שפיטאל אויף די ערשטע טעג יו״ט.

איך האב אנגערופן אונזער רב שליט״א און אים דערציילט מיין מצב, און איך בין מיט אים איבערגעגאנגען אלע הלכות און מנהגים ווי אזוי אפצוריכטן דעם יו״ט אין שפיטאל כהלכתו. און בלית ברירה האב איך געמוזט שלום מאכן מיט דעם אומאיינגענעמען מצב.

עס איז געווען ערב יו״ט איינס אזייגער מיטאג, נאך שריפת חמץ ווען כלל ישראל גייט שוין באקן מצות, קלונגט דער טעלעפאן ביי מיר אין שפיטאל צימער, און דער רב שליט״א זאגט מיר אז דער שווער דער רבי וויל רעדן צו מיר.

מלא התרגשות נעם איך דעם טעלעפאן, און דער רבי פרעגט מיר ״אברהם שלום, וואס איז מיט דיר?״, האב איך געזאגט פארן רבי״ן אז איך האב א נירן-אטאקע מיט שווערע יסורים ל״ע.

זאגט דער רבי בלש״ק ״פסח פירט מען אינדערהיים, הייב דיך אויף און גיי אהיים״.

איך האב געהערט די קלארע ווערטער פונעם רבי״ן זאג איך פאר מיין באזוכער וואס איז געווען מיט מיר ער זאל מיר העלפן צוזאמען פאקן ווייל איך גיי אהיים אויף יו״ט. די נורס האט דאס באמערקט איז געקומען צו לויפן פרעגן וואס דא גייט פאר? האב איך געזאגט אז דער ראבוי האט געהייסן אהיימגיין פון שפיטאל, און איך גיי אהיים. זי האט זיך אויפגערעגט און מיך אנגעשריגן אז איך בין ׳קרעזי׳, און ביז צוויי שעה בין איך צוריק אין שפיטאל ווייל איך וועל נישט קענען אויסהאלטן די יסורים.

איך האב זיך נישט וואוסנדיג געמאכט פון אירע ווערטער, און איך בין אהיימגעגאנגען. די ערשטע נאכט האב איך נאך געשפירט א שטיקל חולשה, אבער די צווייטע נאכט איז שוין נישט געווען קיין זכר פון די גאנצע מחלה, און איך האב געקענט פראווען דעם סדר כראוי וכנכון. ועד היום הזה איז דער שטיין אוועק געקומען כאשר בא כן הלך בכח ברכתו של אותו צדיק. זי״ע. (אהרן יעקב הכהן כ״ץ, שמחה בונם פעדער, בנימין יוסף סופר, שמעון גוטמאן, בנימין יוסף מאיר טעללער, יואל הירש).

תתקא) עס דערציילט מיין טאטע

## הרה״ג ר׳ אברהם יושע ווערצבערגער שליט״א

דאס עניוות פון כ״ק מרן רבינו בעל ברך משה זצ״ל איז געווען עד אין לשער, עס איז געווען איינמאל א טאג נאכדעם וואס דער רבי האט חתונה געמאכט אן אייניקל האב איך געוואלט זיך גיין געזעגענען ביים רבי״ן. עס איז געווען נאכמיטאג ווען יעדער איז געווען מיד און אויסגעמוטשעט פון די חתונה, און מ׳האט זיך אראפגעלייגט. איך האב נישט געוואוסט צי מ׳קען זיך גיין געזעגענען ביים רבי״ן, האב איך אנגערופן צום רבי״ן אהיים פרעגן.

www.ladaat.net/gilionot.php גיליונות פרשת השבוע להורדה

דער רבי האט אליינס אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, איך האב נישט געכאפט אז דאס איז דער רבי, האב איך געפרעגט אויב מ׳קען רעדן צו משה (דער גבאי ביים ברך משה ז״ל האט אזוי געהייסן) האט דער רבי געזאגט ״יא, איך בין דאס״...

דעמאלטס האב איך פארשטאנען אז איך רעד צום רבי׳ן אליינס, איך האב נישט געוואוסט וואס צו זאגן, האב איך געזאגט אז מ׳האט געוואלט זעהן אויב מ׳קען יעצט קומען זיך געזעגענען ביים רבי׳ן. זאגט דער רבי בענות קדשו אז מ׳קען יעצט קומען.

ווען איך בין אריבערקומען איז דארט געזעסן הרה״ח ר׳ שמואל הכהן פריעדמאן שליט״א משב״ק, און ער זאגט מיר אז דער רבי איז ארויסגעקומען און אים געזאגט אז א איד וויל יעצט אריבערגעקומען זיך געזעגענען, און ער זאל אים אריינלאזן.

(שלמה הלוי ווערצבערגער, יואל ווערצבערגער)

### תתקב) עס דערציילט אונזער באבע תחי׳ אשת
## הרה״ח ר׳ אהרן יוסף הכהן שווארץ הי״ו

איר טאטע הרה״ח ר׳ אברהם שמואל גוטטמאן ע״ה איז געווען א זון פון הרה״ח ר׳ שלמה יקותיאל גוטמאן ע״ה, המכונה ר׳ זלמן טאלטשעווער, ער איז געווען א דורכגעווייקטער חסיד׳ישער איד, ער איז געווען א חסיד פון הגה״ק ר׳ **ישכר דוב מבעלזא** זי״ע צו וועמען ער פלעגט פארן בקביעות.

איינמאל ווען ער איז אריין צום בעלזער רב מיט א קוויטל און ער האט אריינגעשריבן כנהוג די נעמען פון די גאנצע משפחה לברכה ולהצלחה, דער בעלזער רב ליינט דורך דאס קוויטל און פרעגט אים ״פארוואס ביסטו נישט מזכיר אז דו ווילסט געהאלפן ווערן מיט א בן זכר?״.

דער זיידע האט זיך זייער געוואונדערט, און ער רופט זיך אן ״דער רבי זעהט דאך אז איך האב ב״ה א משפחה מיט קינדער״, האט דער בעלזער רב געזאגט ״אבער דאך וויל איך אז דו זאלסט אריינשרייבן אז דו ווילסט א בן זכר״. דער זיידע האט טאקע אזוי געטון און ער האט דאס אריינגעשריבן אינעם קוויטל, ווי דער רבי האט געהייסן, און ער האט אים אנגעוואונטשן.

פון די ברכה איז געבוירן געווארן איר פאטער ר׳ אברהם שמואל ז״ל, און למרבית הפלא איז פון די גאנצע משפחה נישט געבליבן נאך די קריג נאר די משפחה פונעם זיידן ז״ל (אלימלך שווארץ, זאב הכהן שענברון, שמואל אליעזר ברילל).

### תתקג) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה״ח ר׳ משה ווייס (פראממער) ע״ה

ער האט געקויפט א נייעם שטריימל פארן רבי׳ן **בעל דברי יואל** זי״ע, דער רבי האט עס געוואלט אוועק לייגן אויף פסח, האט דער זיידע געבעטן דעם רבי׳ן אז ער זאל עס יא נוצן יעדן שבת, און ער וועט שוין קויפן א אנדערע שטריימל אויף פסח.

וכך הוה, דער זיידע האט געקויפט פארן רבי׳ן א נייע שטריימל אויף פסח, אזוי האט דער רבי גענוצט זיינע שטריימלעך סיי איבערן יאר, סיי אויף פסח. דער רבי האט מכיר טובה געווען מיין זיידן דערויף, און ער האט אים געשאנקען זיין אלטן שטריימל וואס איז טאקע געבליבן ביי אונז אין די משפחה. (מרדכי בערנאטה)

### תתקד) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה״ח ר׳ שלמה קאפפעל הי״ו

איך געדענק אלס קינד ווען מיר האבן געוואוינט אין פעסט איז געווען דער רב הגאון **רבי קאפל רייך** זצ״ל, וועלכער איז געווען א גרויסער גאון, און פון די פירער פון די ארטאדאקסישע קאנצעליי.

דער פעסטער רב איז געווען א פה מפיק מרגליות ער פלעגט כסדר אויפטרעטן מיט פייערדיגע דרשות וואס האבן געמאכט א שטארקן רושם אויף די צוהערער. עס ווערט דערציילט אז איינמאל ווען ער האט זיך צוגעגרייט צו א דרשה און ער האט זיך לאנג פארגעקוקט האט אים אן אייניקל געפרעגט ׳זיידע, נאך אזויפיל הונדערטער דרשות וואס דו האסט שוין געזאגט אין דיין לעבן דארפסטו זיך נאך אלס אזוי לאנג פארקוקן?׳. האט אים רבי קאפל געענטפערט ״ניין, איך דארף זיך שוין נישט פארקוקן וואס צו זאגן, איך דארף זיך בעיקר פארקוקן וואס נישט צו זאגן״...

אין יענע תקופה איז ער געווען שטארק אפגעשוואכט, און ער האט געהאט שווערע יסורים, זיינע מקורבים האבן אכטונג געגעבן אז ער זאל זיך נישט אנשטרענגען כדי עס זאל אים נישט שאטן פארן בריאות.

ווען איך בין ארויפגעגאנגען צו אים איז ער געזעסן אין הויף, און ער האט געוואלט אנהייבן צו זאגן א חידוש וואס איז אים איינגעפאלן, אבער די בני בית האבן אים נישט געלאזט זאגן צוליב זיין שוואכקייט.

האט ער זיך אנגערופן במתק לשונו ״עס איז געווען אמאל א דארף וואו עס איז נישט געווען קיין זייגער, האט מען גענומען א שומר וואס יעדע אנהויב שעה האט ער געבלאזן מיט א פייפער, אזוי האט מען געוואוסט וויפיל דער זייגער איז״.

״איינמאל אינמיטן די נאכט האט זיך דער שומר גענומען צו פייפן א לענגערע צייט און ער האט נישט אויפגעהערט, מענטשן האבן זיך אויפגעוועקט, און מ׳האט אים געפרעגט וואס גייט פאר? פארוואס פייפט ער אזוי לאנג?, האט דער שומר געענטפערט אז נישט אלס ארבעט זיין פייפער אזוי גוט, יעצט אז עס איז מיר געלונגען כאפ איך אריין די געלעגנהייט און איך בלאז...״

האט דער פעסטער רב אויסגעפירט ״נישט אלס ארבעט מיר אזוי גוט דער כח החידוש, יעצט אז עס איז מיר געלונגען עס איז מיר עפעס איינגעפאלן לאזט מיר עס ארויסבלאזן״... (ירמי׳ בנציון קאפפעל)

### תתקה) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה״ח ר׳ יוסף עקשטיין הי״ו

נאך זיין חתונה האט ער געוואוינט אין ארגענטינא, וואו ער איזגעשטאנען לידו פון זיין טאטן הגה״צ אב״ד בונאס איירעס זצ״ל. ער האט דארט געהאט אן אפענע שטוב פאר געסט וואס זענען ביי איהם אייגעשטאנען.

איינמאל איז געקומען קיין ארגענטינא כ״ק אדמו״ר הגה״ק **מתולדות אהרן** זצ״ל און ער איז איינגעשטאנען ביים זיידן אין שטוב. און ער איז אויך געווען ביי אים איבער שבת.

פרייטאג צונאכטס שפעט אינמיטן די נאכט דערוועקט ער זיך, און הערנדיג טריט אין שטוב לויפט ער ארויס קוקן וואס גייט פאר, צו זיין שטוינונג האט ער געזעהן ווי דער תו״א רבי דרייט זיך אהער און אהין איבערן צימער. פרעגט ער אים וואס גייט פאר, פארוואס דער רבי גייט זיך נישט לייגן. האט דער תו״א רבי געענטפערט אז ער איז ארויסגעגאנגען און ער וויל זיך וואשן די הענט, אבער אזוי ווי ער קען זיך נישט אויס מיט די הענטלעך פונעם סינק, ציטערט ער צו עפענען דאס וואסער, ווייל אפשר וועט דאס זיין די הייס וואסער וואס קען זיך גרעניצן מיט חילול שבת. און זיך גיין לייגן אן נטילת ידים קען ער אויך נישט, דעריבער איז ער געבליבן וואך און געווארט ביז עמיצער וועט אים קומען העלפן. (קלונימוס אליעזר בר״ר עקשטיין)

### תתקו) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה״ח ר׳ שמואל ווייס ע״ה

וואוינענדיג אין ארץ ישראל איז ער געווען זייער נאנט צו כ״ק הגה״צ **רבי משה ארי׳ פריינד** זצ״ל **גאב״ד ירושלים** עיה״ק, וועלכער איז דעמאלטס געווען דער סאטמארער ראש ישיבה אין ירושלים, ער האט זיך כמעט נישט גערירט אין קיין שום ענין אנדעם וואס ער האט זיך דורכגעשמועסט מיט איהם.

איינמאל פאסירט אז ער האט באקומען א צעטל זיך צו שטעלן צו מיליטער דינסט אויף צוויי וואכן, דאס איז געווען פונקט צווישן פורים אין פסח, אין די פארנומענע צייטן אינדערהיים, ער האט געהאט א שטוב מיט קליינע קינדער, און ער האט געוואוסט אז עס איז נישט לייכט זיך ארויסצודרייען דערפון.

איז ער אריבער צו רבי משה ארי׳ זצ״ל און ער רעדט זיך אויס פאר אים. דער ירושלים׳ער רב גיט אים די האנט ׳זארג זיך נישט, עס וועט אלעס זיין גוט׳.

ער האט געהאט אמונה ובטחון מיט אמונת צדיקים אזעס וועט זיך אויסלאזן לטובה. צום באשטימטן טאג פאקט ער צוזאם זיינע זאכן און ער גייט ארויס צום פלאץ וואו מ׳האט געדארפט צוזאמען קומען, און דער מיליטערישער באס האט פון דארט אפגענומען די אלע מענטשן.

ער קומט אן צום ארט און צו זיין וואונדער זעהט ער אז עס איז ליידיג, קיינער איז נישט דארט. ער גייט צו צום אינפארמעישאן צענטער און ער ווייזט זיין צעטל. זיי קוקן אים אן ברוגז׳דיג און זאגן אים ״יעצט קומסטו?! דער באס איז אוועק געפארן מיט צוויי מינוט צוריק, גיי אהיים!״.

ער איז באלד געלאפן צום שטוב פונעם ירושלים׳ער רב און מיט איין שמחה דערציילט ווי אזוי ער איז באפרייט געווארן, און מיט א געהויבנקייט איז ער אהיימגעלאפן זיך גרייטן צום פסח. (אהרן עוזר קאהן, אשר אנשיל קאהן)

גיליונות פרשת השבוע להורדה www.ladaat.net/gilionot.php